א ליכטיגן תמיד
אודיו
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'ליכטיגע גוט מארגן – אשב"ש' שמועסן

**יום א' פרשת משפטים תשפ"ב (1-1-6-2-102)**

## פטור ווערן דורך לעבן מיטן אייבערשטן

מען זאגט נאך בשם דער הייליגער רבי ר' **בונם פון פרשיסחא** זי"ע אז יעדער איד האט געבארגט זיין נשמה הקדושה והטהורה, זיין לעבן פונעם הייליגען באשעפער, און דער הייליגער באשעפער זאגט, אז עס איז נאר אזוי לאנג דיינס, בתנאי' אז דו וועסט טון דערמיט נאר דעם רצון הבורא ית"ש. אוי! דאס איז דאך א גרויסער פראבלעם. ווייל א שואל, איינער וואס בארגט, איז דאך חייב אפילו באונס. נו, וואס וועט זיין, וויאזוי קענען מיר האבן א קיום אויף דער וועלט ווען אונזער נשמה, אונזער לעבן איז געבארגט, און א שואל איז דאך חייב אפילו באונסין.

אויף דעם ענטפערט דער הייליגער רבי ר' בונם: עס שטייט דאך **בעליו עמו**, אז טאמער דער בעל הבית דער משאיל וואס האט עס פארבארגט איז צוזאמען מיט דעם שואל, דעמאלסט איז ער פטור. אז א מענטש געדענקט יעדע מינוט אז עס איז דא א באשאפער אויף די וועלט, שויתי ה' לנגדי תמיד, ער איז מקבל אויף זיך די עול מלכות שמים - **לא ישלם**, דעמאלסט איז ער פטור, דעמאלסט דארף ער נישט באצאלן.

דוד המלך זאגט (תהלים כז): **אחת שאלתי מאת ה'**, **'אחת'** דאס איז די נשמה הקדושה והטהורה, **שאלתי**, דאס האב איך געבארגט, **מאת ה'**. איי מען ווערט דאך מחויב באונסין? די תשובה אויף דעם איז: **אותה אבקש**, דאס בעט איך טאקע פונעם אייבערשטן: **שבתי בבית ה' כל ימי חיי**, אז איך זאל מקיים זיין דעם 'בכל דרכיך דעהו', זיין נאנט צום אייבערשטער, געדענקן יעדע מינוט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, וועט עס זיין א בחינה פון 'בעליו עמו' דעמאלסט וועט זיין 'ולא ישלם', דעמאלסט איז מען נישט מחויב באונסין, דעמאלסט איז מען נישט מחויב אויף שוגגין, דער הייליגער באשעפער וועט אננעמען אונזער תשובה און די קבלות טובות, בעזר ה' ובסייעתא דשמיא.

נו, וואס איז די עצה אז א מענטש זאל האבן פאר זיך דער הייליגער באשעפער? אז מען האלט זיך מורא'דיג שטארק אז

איך מוז האבן א פנים מאירות, איך מוז זיין לעכטיג, איך קען נישט זיין כעס'עריש, איך קען נישט זיין אויפגערעגט, איך קען נישט פארלירן מיין אמונה שלום בטחון און שמחה - דעמאלסט געדענקט מען יעדע מינוט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. אז מען געוויינט זיך צו צי זאגן מזמור לתודה, געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטן, זאגן מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר און אדון עולם, ה' לי ולא אירא, וועט מען קיינמאל נישט פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, בעזר ה'.

## קענסט יא דער אייבערשטער גיבט די כוחות

דער הייליגער **דזיקובער** זצ"ל אין אמרי נועם, ברענגט אויפן פסוק **ואלה משפטים אשר תשים לפניהם**. זאגט ער, עס איז דא א יצר טוב און א יצר הרע, אוןביידע ווערן גערופן 'שופטים' זיי משפט'ן די מענטש אויף אלע הנהגות וואס א מענטש פירט זיך אויף, אויב עס איז לשם ה', עפ"י תורה עפ"י הלכה עפ"י המסורה, אדער ח"ו פארקערט. חז"ל זאגן, 'בכל לבבך' מיינט בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע. וויאזוי קען מען דינען דעם אייבערשטן מיטן יצר הרע? נאר וואס דען 'ביצר הרע' מיינט עסן און טרינקן און גשמיות'דיגע זאכן, א מענטש קען טאקע נישט לעבן אן דעם, אבער טאמער דער יצר הרע איז שולט, משפט ער די מענטש ח"ו. אבער ווען א מענטש איז א בר דעת און ער ניצט אלע עולם הזה'דיגע זאכן צו דינען דעם אייבערשטן, צו לערנען צו דאווענען צו טון די רצון הבורא, קומט אויס אז דעמאלסט דער יצר טוב משפט אים. און ער זאגט: "אה הייליגער באשעפער, איך בין א סניגור פאר דער איד, ער פירט זיך דאך אויף ווי עס באדארף צו זיין, ער נעמט די גאנצע עולם הזה, די גאנצע גשמיות פאר תורה עבודה ויראת שמים, עבודת ה' עבודת הבורא ית"ש, מיט א געוואלדיגע אמונה פשוטה, מיט א געוואלדיגע שמחה, מיט א געוואלדיגע בטחון, ער ברענגט שלום בעולם!".

זאגט דער אמרי נועם מורא'דיגע ווערטער: איי וועט א מענטש פרעגן "ווי האב איך כח?!" - "וזה הכח מסור ביד האדם", דער הייליגער באשעפער האט איבערגעגעבן די כח אין די האנט פון א מענטש, "להטות רצונו לכל אשר יחפץ", ער קען בייגן זיינע רצונות צו וואו ער וויל, "האדם מושל בבחירתו" א מענטש געוועלטיגט אויף זיין בחירה, אזוי ווי חז"ל זאגן, 'צדיקים ליבן ברשותן', זייער הארץ איז אין זייער רשות.

טייטשט ער מיט דעם: ואלה המשפטים, עס איז דא צוויי שופטים, (משפטים איז א לשון רבים) יצר טוב און יצר הרע, אשר תשים, זאלסטו נעמען די שופטים און דו זאלסט זיי לייגן, לפניהם זאלן זיי פאר דיר (לפניהם מיינט פאר זיי, פאר כלל ישראל), זאגט דער אייבערשטער: איך לייג זיי אריין פאר דיר, דו ביסט שולט אויף זיי, צו דו ווילסט דער יצר הרע ח"ו זאל זיין דער שופט, אדער דער יצר הטוב.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! מענטשן האלטן אין איין טראכטן: "ווי קען איך זיין בשמחה? ווי קען איך מוחל זיין? ווי קען איך אזויפיל לערנען און דאווענען אז איך האב אזויפיל טירדות? ווי קען איך לעבן בשלום ווען עס איז אזוי שווער?!". די תשובה אויף דעם איז: עס איז בידך! טראכט די מחשבות וואס

איך האב, איז יצר הרע! א ראיה האסטו, עס נעמט אוועק שמחה, עס נעמט אוועק בטחון, עס נעמט אוועק שלום, עס נעמט אוועק מנוחה, עס נעמט אוועק מיין פנים מאירות, עס נעמט אזויפיל אוועק פון די תורה. מה שאין כן דער יצר טוב איז כולו תורה! עס איז שווער?! יא. אבער איך קען עס מאכן! פארוואס קען איך עס מאכן? ווייל דער הייליגער באשעפער האט מיר געגעבן די כח, איך דארף נאר טראכטן און גלייבן אז איך האב די כח, וועל איך עס קענען באווייזן.

דער אמרי נועם זאגט נאך מער: **'תשים'** איז א לשון שומא - שאצן. אז א מענטש דארף שאצן יעדע זאך וואס ער טוט, איז דאס יצר הרע אדער יצר טוב. און ער ברענגט נאך אן עצה. א מענטש קען צוגיין צו דער יצר הרע און זאגן: "איך האב אויף דיר טענות, דו מאכסט מיר שאדן, יעדע זאך וואס איך פאלגט דיר יצר הרע, נעמסטו מיר אוועק פון תורה פון עבודה פון יראת שמים, דו מאכסט מיר טון עבירות, דו דערווייטערסט מיר פון מיין עולם הבא, וואס ווילסטו פון מיר? איך קען דיר נישט אויסהערן!". זאגט דער אמרי נועם ווען דו זאגסט די ווערטער פאר דער יצר הרע - נישט סתם מיט די מח, זאג עס מיט די מויל - וועט דער יצר הרע נתהפך ווערן לטוב לו.

**ואלה המשפטים**, דער יצר טוב און דער יצר הרע, **אשר תשים**, אויב וועסטו אפשאצן יעדע זאך וואס דו טוסט מיט א מורא'דיגע פונקטליכקייט, און דו וועסט פארלייגן דיינע טענות **לפניהם** פאר די יצר הרע און דער יצר טוב, וועסטו זען אז דו וועסט בלייבן גערעכט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דאס איז די יסוד פון פנים מאירות, פון אשבש, פון זיין א פרייליכע גליקליכע איד - צו גלייבן עס איז בידי, איך קען עס באווייזן, דער הייליגער באשעפער האט מיר געגעבן די כח.

## ווייל עס איז דא א מענטש אינדערמיט איז עס שווין נישט דער הייליגער באשעפער?!

אין די וואכעדיגע סדרה שטייט דאך 'ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם', איז דאך באקאנט די תרגום, ואילין דיניא די קא תסדר לפניהם. שטייט אויף דעם אין זוהר הק', רבי שמעון זאגט, אילין אינין סידורא דגלגולא, מען רעדט דא פון רזין דגלגולא, פון גלגול.

וואס מיינט דאס?

עס איז געווען די באקאנטע מעשה אין די צייטן פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, עס איז געווען אן עושר וואס איז געפארן אין די מרחקים אויף א לאנגע צייט, און ער האט געגעבן זיין ברזל פון אסאך געלט, טויזענטער גאלדענע רענדלעך, צו א גוטער פריינט וואס איז געווען אן עני ואביון, א שטיק צייט שפעטער, דער עושר איז אוועקגעפארן, און דער ארימאן איז נפטר געווארן פון די וועלט, ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, און ער האט געהאט קינדער. און ווען די קינדער זענען זיך געקומען צעטיילן מיט די ביסל ירושה, זיי האבן געוואוסט אז ער איז אן ארימאן, האבן זיי געטראפן די ריזיגע אוצר פון געלט, און זיי האבן זיך מורא'דיג געוואונדערט, א טאטע אן ארימאן, פון וואו האט ער אזוי סאך געלט? האבן זיי אפגעמאכט, אלא מאי, דער טאטע איז יא געווען אן עושר, נאר

ער איז געוועז נעבעך א קארגער, ער האט זיי אלע און זיך געלאזט לעבן אין עניות און דחקות. מען האט זיך צעטיילט מיט די גרויסע געלטער ווי גרויסע עשירים, זיי האבן זיך געקויפט הייזער, און זיי האבן זיך געלאזט וואויל גיין. און די גאנצע שטאט האט גערעדט, צווישן טאג און נאכט זענען די קינדער געווארן גרויסע עשירים!

דער עושר איז צוריקגעקומען, און מען האט אים פארציילט די גאנצע מעשה, אז דיין חבר דער ארימאן האט איבערגעלאזט א גרויסע עשירות, האט דער עושר זיך גענומען שרייען און וויינען, רבונו של עולם, דאס איז דאך מיין געלט!

ער איז געלאפן צו די יורשים, און ער האט זיי געזאגט אז דאס איז נישט זייער טאטענס.

די יורשים האבן געזאגט, זיי וויסן פון גארנישט.

איז מען געגאנגען צו דין תורה, און די דין תורה האט גע'פסק'נט אז די יורשים דארפן שווערן אז זיי וויסן פון גארנישט, זיי האבן געשוואוירן, ווייל זיי האבן טאקע גארנישט געוואוסט. און עס איז געווען א רעש אין די גאנצע שטאט, אין די גאנצע גלילות, ווייל יעדער איינער האט געוואוסט אז דער איז געווען אן ארימאן, און ער האט געארבעט פאר אים, און געהאלטן זיין געלט, אבער די בית דין האט נישט געקענט אזוי פסק'ענען, עס איז נישט געווען קיין שום ראיה און באווייז אז די געלט באלאנגט נישט פארן ארימאן, די קינדער האבן נישט געהאט קיין אנונג אז זייער טאטע האט געהאלטן דעם עושר'ס געלט, און

די מעשה איז אנגעקומען צו איינע פון די תלמידים פון בעל שם, איז ער אריינגעגאנגען צום הייליגן בעל שם טוב, און געפרעגט:

רבי טייערע! שלמה המלך זאגט אין משלי ג, דרכיה דרכי נועם, וויאזוי קען זיין אז א דין תורה זאל פסק'ענען א פסק קעגן די אמת? יעדער ווייסט אז דער ארימאן האט נישט געהאט די געלט, און עס איז נישט זיין געלט, ווי האט דער עושר געקענט שאדן האבן פון די הייליגע תורה? ווי איז דאס מעגליך?

האט אים דער בעל שם טוב געזאגט: מארגן שטיי אויף צופרי, גיי אין יענע און יענע פלאץ, דארט איז דא א פרשת דרכים, ווי מען קען גיין אדער רעכט אדער לינקס אדער גראד, וועסט טרעפן דארט א גרויסע ברייטע בוים מיט בלעטלעך און צווייגן, נעבן דעם איז דא א קוואל פון וואסער, גיי ארויף אויפן בוים, פארשטעל דיך מיט די בלעטער מען זאל דיך נישט זען, ווארט דארט א גאנצן טאג, און קוק. און וואס דו זעסט זאלטו האלטן אין קאפ, אבער שווייגן, קיינער זאל דיך נישט זען, סוף טאג קום צו מיר, צום בעל שם טוב הק', און זאג מיר אלעס וואס דו האסט געזען.

ער האט געדאווענט ותיקון, ער איז שנעל ארויפגעגאנגען אויף די בוים, ער האט זיך באהאלטן צווישן די בלעטער, און געהאלטן קאפ.

עס איז געווען חצות היום, עס איז געווען זייער הייס, איז געקומען א סוחר, ער האט געריטן אויפן פערד, ער איז געווען אויסגעמוטשעט און מיד, ער האט געזען די ברינעם וואסער, איז ער אראפ פון די פערד און געטרינקן קאלטע

וואסער זיך אויפצולעבן פון די היצן, און נאכדעם וואס ער האט געטרינקן וואסער, איז ער געגאנגן אונטער די בוים, און זיך געלייגט שלאפן. ווען ער האט זיך געלייגט שלאפן האט ער אראפגענומען די גארטל, וואס אין די אלטע היים האבן די סוחרים געהאלטן אין דעם זייער גאנצע געלט, און דאס האט ער געלייגט פאר א קישן אונטערן קאפ.

נאך א האלבע שעה האט ער זיך אויפגעוועקט, ער האט זיך שנעל ארויפגעזעצט אויפן פערד, און געגאנגן ווייטער. די בערזל האט ער דארט פארגעסן.

עס איז נישט דורכגעגאנגן א פאר מינוטן, א צווייטער סוחר איז געקומען אויך אויפן פערד, אפגעמוטשט, מיד, דארשטריק, ער האט געזען א בוים מיט א קוואל וואסער, איז ער געגאנגן טרינקן וואסער, און ער איז געגאנגן צו די בוים זיך אפרוען. ער גייט צו די בוים זעט ער א בייטל פול מיט געלט, ער קוקט רעכט ער קוקט לינקס, קיינער איז נישט דא, ער גיבט א טו אן די גארטל, און ער מאכט פליטה.

נאך א פאר מינוט קומט אן ארימאן מיט זיין קערבל און זיין שטעקן, און ער גייט דארט צו די קוואל, און ער טרינקט וואסער, און ער לייגט זיך שלאפן אונטערן בוים, און ער שלאפט דארט רואיג.

דער ערשטער סוחר האט געכאפט אז זיין בערזל פעלט אים, האט ער אנגעפאנגן צוריקקומען. ווען ער איז יעצט צוריקגעקומען, ווער האט ער געטראפן? דעם ארימאן, ווי ער שלאפט

דארט! האט ער אים אוודאי חושד געווען אז ער האט דאס צוגענומען.

ער וועקט אים אויף, און ער זאגט אים: גיב מיר שוין צוריק מיין גארטל! דער ארימאן ענטפערט אים: איך ווייס נישט וואס דו רעדסט, איך האב נישט געזען דא א גארטל, איך בין יעצט אנגעקומען דא, איך ווייס פון גארנישט!

איז געגאנגן דער עושר, ער האט גענומען א שטעקן, ער האט אים אנגעריסן די ביינער, און ער האט אים צעריסן זיין וועש, זיין קערבל, און ער האט געשריגן: דו גנב! גיב מיר צוריק די געל!ט און ער האט אים אנגע'מקל'ט, און ווען ער האט געזען אז די געלט איז טאקע נישט דא, און ער קען גארנישט טון, איז ער אוועקגעגאנגן.

דער ארימאן איז געבליבן דארט נעבעך, די ביסל וואס ער האט געהאט איז שוין געווען אויסגעשאקלט, צעריסן און צעקלאפט, כח האט ער נישט געהאט, ווייל ער איז געווען אנגעריסן די ביינער, ער האט זיך צוריקגעלייגט דארטן שלאפן, דערנאך ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, איז ער זיך געגאנגן ווייטער.

דער תלמיד פון בעל שם טוב זעט דאס אלעס צו, און ער האט נישט געזאגט פאר קיינעם א ווארט, ער איז אהיים געגאנגן צום בעל שם טוב הק', און ער האט פארציילט די אלע מעשיות, האט אים דער בעל שם טוב געזאגט:

הער צי, דער ערשטער סוחר וואס האט פארגעסן די געלט, אינעם פאריגן גלגול האט ער געהאט א דין תורה, אויך אויף א ירושה, און ער האט געשוואוירן א שבועה אז ער ווייסט פון גארנישט,

און דורך דעם האט ער זוכה געווען אין די געלט, און ער איז געווארן א גרויסער עושר, אויף געלט וואס איז באמת נישט געווען זיינס.

דער צווייטער סוחר איז געווען אין די פאריגע גלגול, דער איד וואס האט פארלוירן די געלט ביי דעם מענטש וואס האט געוואונען די דין תורה, ביידע זענען צוריקגעקומען אויף די וועלט, און דער הייליגער באשעפער האט אזוי געפירט אז דער וואס האט באקומען די געלט אויפן פאריגן גלגול, האט דאס דא פארלוירן. דער וואס האט פארלוירן די געלט אינעם פאריגן גלגול, האט דאס דא געטראפן, און יעצט האט ער עס צוריקבאקומען.

זאגט דער תלמיד: און ווער איז דער ארימאן?

האט דער בעל שם טוב געזאגט: דער ארימאן איז דער דיין, וואס אין פאריגן גלגול האט ער אזוי גע'פסק'נט, ער וואלט נישט געדארפט אזוי פסק'ענען, ער וואלט געדארפט מאכן א פשרה.

ענדיגט דער בעל שם טוב, אז דאס איז פשט פון 'ואלה המשפטים - אילין אינין סדרין דגלגולא, דינין דנשמתין, דאיתדני כל חד וחד לקבל עונשיה. אז אסאך מאל זעט מען, אז עס איז דא א דין תורה, מענטשן פארשטייען עס נישט, אבער דו כאפסט נישט, אז דורך דעם וואס דו האטס פארלוירן די דין תורה, און יענער האט באקומען די געלט, האסטו געמאכט א תיקון אויף א פאריגע גלגול.

וויפיל מענטשן זענען פארוויטאאגט אויף דיינים און רבנים, אויף דין תורה'ס. וויפיל מענטשן זענען פארווייטאאגט אויף די אנדערע צד וואס האט געוואונען א דין תורה, און ארויסגענומען פון דיר געלט, אדער דו האסט פארלוירן געלט אויף אלע מיני אופנים דורך דין תורה. דער בעל שם טוב זאגט, אז מען דארף זאגן אין אזא פאל: דרכיה דרכי נועם, די תורה מאכט נישט פארלירן געלט. אלא מאי, דאס איז דיין תיקון הנפש, און טאמער ביסטו דאס נישט מקבל באהבה, זאלסטו וויסן, אז דו האסט נישט קיין תיקון הנפש, דו האסט נישט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן.

לאמיר דיך פרעגן א שאלה:

ווען א מענטש זיצט אין זיין קאר און קיינער איז נישט דארט, און ער מאכט א טעות, און ער פארט אריין אין א בוים, און ברוך ה', דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן, ער איז ארויס מיט א גאנצע גוף, געזונט און שטארק, און די קאר איז צעשמעטערט געווארן. דער מעטש מאכט א סעודת הודאה, ער דאנקט דעם אייבערשטן, ער איז אויף קיינעם נישט ברוגז, ווייל עס איז נישט דא קיין שום שאלה אז דאס איז געקומען נאר מידו של הקב"ה.

ווייל עס איז דא דיינים אין א דין תורה, מיט א תובע מיט א נתבע, וועגן דעם טראכסטו אז עס איז נישט מן השמים? ח"ו! זאגט דער בעל שם טובה הק', אז א איד דארף דאס גלייבן, א מענטש קען נישט בא'גנב'ענען, א מענטש קען נישט צונעמען, מען קען נישט פסק'ענען נאר אויב דאס איז אפגעשריבן אויבן פונעם באשעפער.

וואו איז דא פלאץ פאר כעס, גאווה, קנאה, שנאה און מחלוקת, און פירוד לבבות? ווען מען לעבט מיט שויתי ה'

לנגדי תמיד, ווען מען לעבט מיט די כוונות און מחשבות פון פנים מאירות, ווען מען לעבט מיט די מחשבות, איך בין א אשב"ש איד, זעט מען אנדערש, הערט מען אנדערש, לעבט מען רואיג, לעבט מען בשלום, מען האט ליב דעם אייבערשטן, מען האט ליב די תורה, מען האט ליב די אידן, און מען איז א צופרידענער מענטש, א גליקליכער מענטש.

אך טוב וחסד, מען זאל הערן נאר בשורות טובות, ישועות ונחמות, רחמיו וחסדיו גלויים, און א לעכטיגן תמיד, אמן, כן יהי רצון.

**צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם**
**מערכת שיקט צו:** gilyonospm@gmail.com

# א פרייליכע מעלדונג פאר די 'פנים מאירות' קינדערלעך!!!



## דיני מים אחרונים

**וויאזוי, און וויפיל וואסער, מען דארף ניצן צו וואשן מים אחרונים.**



די תשובה אויף דעם איז אזוי:

אין שלחן ערוך (או"ח סימן קפ"א) זאגט דער מחבר, מים אחרונים חובה' מים אחרונים איז א חיוב.

סעיף ב: מים אחרונים וואשט מען זיך נישט אויף קרקע, נאר אין א כלי. ווייל עס איז שורה אויף דעם א רוח רעה.

זאגט אויף דעם דער משנה ברורה, און מען שטעקט נישט אריין די האנט אין א כלי, נאר עס דארף זיין דווקא אז מען נעמט א כלי און מען גיסט עס אראפ אויף די פינגערס, און פון די פינגערס רינט עס אראפ.

פארוואס גיסט מען זיך נישט אפ אויף די ערד, ווייל עס האט א רוח רעה, און עס האט א חשש סכנה אויף די וואס גייען ארויף אויף דעם.

זאגט אבער דער משנה ברורה, אז דארט וואו מען גייט נישט אריבער, מעג מען זיך יא גיסן אויף די קרקע. וועגן דעם, אונטער די טיש, איז יא דא מענטשן וואס גיסן זיך וואסער, ווייל עס וועט זיך אויסטריקענען. דארף מען אבער וויסן, אז בזמנינו, וואס מיר האבן נישט געהעריגע קרקע, אונז האבן האלץ אדער שטיינער, און עס טריקנט זיך נישט געהעריג אפ, טאר מען זיך נישט גיסן מים אחרונים אונטערן טיש.

יעצט, אין דער מחבר סעיף ד' שטייט, אז מען דארף זיך נישט וואשן די האנט נאר ביז די צווייטע אפטיילונג פון די פינגער. יעדע פינגער פון די פיר פינגער, האבן דריי אפטיילונגען וואס גיבט זיך א בייג, די דיקע פינגער האט נאר צוויי אפטיילונגען. איז דער מחבר שרייבט, אז מען דארף זיך נאר אפוואשן צוויי אפטיילונגען, דאס הייסט, די דריטע אפטיילונג וואס קומט אן ביז די האנט, דארף מען זיך נישט אפוואשן. און נאכדעם שרייבט דער מחבר, אז מען דארף האלטן די פינגער אויף אראפ, אז די שמוץ זאל אראפגיין.

קומט אבער דער משנה ברורה, און דער משנה ברורה שרייבט, אז מען וואשט זיך נאר ביז די צווייטע אפטיילונג, ווייל געווענדליך ווערט די האנט נישט שמוציג ארויפציער, אבער טאמער די עסן האט אנגערירט, דאס טייטש מען איז שמוציג געווארן, העכער ווי דעם, דארף מען זיך וואשן ביז ארויף, אפילו אויף די דריטע אפטיילונגען, און אפילו

העכער פון דעם אויך. שרייבט אויף דעם דער משנה ברורה, אז ער זעט אז עס איז דא מענטשן, וואס זיי זענען געוואנט אין די הלכה פון מים אחרונים, אבער זיי זענען בכלל נישט יוצא דאס ענין פון מים אחרונים. פארוואס? ווייל זיי נעמען א פאר טראפן וואסער, און זיי לייגן עס נאר אויף די שפיץ פינגער, און עס קומט אפילו נישט אן צום סוף פון די ערשטע אפטיילונג, אוודאי נישט די צווייטע אדער די דריטע, און איבעראל וואו עס איז שמוציג, זיי בלייבן שמוציג פון די זהמת המאכל, און על פי הלכה דארף מען זיך וואשן צום וויינינגסטנס ביז די סוף פון די צווייטע, און אוודאי אויב עס איז שמוציג דארף מען גיין ווייטער פון דעם אויך.

שפעטער ברענגט דער משנה ברורה (סקי"ט), אז דער גר"א האט געהאלטן, אז מען דארף האבן א רביעית וואסער כדי זיך צו וואשן מים אחרונים. און דער חיד"א ברענגט, און די בעלי מקובלים, אז מען האט נישט קיין שיעור, ווייל מען זאל נישט גיבן פאר די סטרא אחרא צופיל וואסער, נאר וויפיל מען דארף כדי זיך אפציוואשן אלע פינגער, איז גענוג אויף מים אחרונים.

יעצט, קומט אויס פון דעם, אז איינטינקן די האנט אין וואסער, איז גארנישט ווערד פאר מים אחרונים, ווייל עס בלייבט איבער די שמוציגע וואסער, די שמוציגע וואסער דארף אראפרינען. ובפרט על פי קבלה, דארף עס דווקא זיין אז מען זאל עס גיסן אויף די פינגער, עס זאל אראפרינען. אבער על פי הלכה איז אויך אזוי.

די וואס גיסן אראפ אביסל וואסער, אביסל אויפן טיש, אדער אין א כלי, מען טינקט זיך איין די פינגער, איז עס גארנישט ווערד.

אז מען לייגט וואסער אויף איין האנט, און מיט די האנט וואשט מען אפ די אנדערע האנט, האט מען אויך גארנישט געטון. מים אחרונים מיינט, אז יעדע פינגער ווערט אנגעגאסן מיט וואסער, און עס רינט אראפ.

דער כף החיים ברענגט, על פי אר"י הקדוש, אז מען דארף וואשן פערצן אפטיילונגען פון יעדע האנט, דאס טייטשט, מען דארף אפוואשן פיר מאל דריי אפטיילונגען, און די דיקע פינגער איז נאר צוויי אפטיילונגען, איז פערצן. און אויך, אז מען וואשט קודם פיר פינגער עקסטער פון אלע זייטן, אז עס זאל זיין די גאנצע פינגער ביז עס רירט אן די האנט, און דערנאך די דיקן פינגער עסקטער, און אזוי טוט מען ביי די רעכטע האנט, און אזוי טוט מען ביי די לינקע האנט.

על כל פנים, דא דארף מען האבן וואסער, נישט אביסל פייכטקייט, נישט איינטינקן די האנט אין וואסער, נישט לייגן וואסער פון איין האנט אויפן צווייטן, נאר נעמען גענוג וואסער, אז עס זאל זיין אפגעוואשן אלע פיר פינגערס. על פי הלכה די ערשטע צוויי אפטיילונגען פון די האנט, פון פארנט און פון אונטן און פון די זייט, און די זעלבע זאך די דיקע פינגער איין אפטיילונג.

על פי קבלה, און אפילו על פי הלכה אויב די האנט איז שמוציג, דארף מען אפוואשן אלע פינגער ביז ארויף ביז די האנט, עס זאל זיין פערצן אפטיילונגען פון יעדע האנט, פון

אלע זייטן, און עס דארף זיין פון א כלי, און די פינגער אויף אראפ, און מען דרייט אראפ די פינגער, אז עס זאל ווערן גוט אפגעוואשן פון אלע זייטן.

עס זענען געווען גדולים וואס האבן זיך געוואשן געהעריג מיט א טעפל, וויבאלד היינטיגע צייטן איז די גאנצע הענט שמוציג.

מען דארף אויך וויסן, אז מיט די שמוציגע האנט ווישט מען נישט אפ די מויל, אדער נעמט מען פארדעם אביסל וואסער און מען ווישט אפ די מויל, און נאכדעם וואשט מען זיך אפ מים אחרונים, און נאכדעם נעמט מען א נעפקין, א סארוועטל, א שמאטע, און מען ווישט זיך אפ די מויל. מיט די מים אחרונים וואסער אליין, האט מען מקפיד געווען זיך נישט אפציווישן די מויל.

מים אחרונים דארף מען זיך נאר וואשן איינמאל על כל פנים, דארף מען אבער זען עס זאל אנקומען צו אלע זייטן פון די פינגער.

עס איז א מחלוקת הפוסקים, ברענגט דער מחבר, צו מים אחרונים דארף מען זיך אפווישן, אדער מען דארף זיך נישט אפווישן, איז לכתחילה, אויב מען קען זיך אפווישן, זאל מען זיך אפווישן, מקיים צו זיין די שיטת הפוסקים.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**



# פרקי חינוך

## ארבעט אויף דיר צוזאמען מיטן חינוך חלק ד'

### די באנעמונג פון א קינד קומט פון זיינע מחנכים

ווען איינער לערנט פשט אין א גמרא, אנדערש ווי זיין רבי האט עס געלערנט אין חדר, לערנט ער נישט דווקא אנדערש, מיט כעס און מיט אויפרעגעניש. זיין רבי האט אזוי געלערנט, און איך לערן אזוי. ווען ער לערנט עס מיט זיין קינד, זיין קינד נעמט עס אויף, די וועג וויאזוי ער לערנט עס, פאזיטיוו, עס איז דא צוויי פשטים.

אבער אויב דו וועסט זאגן: ניין, נישט אזוי ווי מיין רבי האט געזאגט, און נישט אזוי ווי מען האט מיר געטייטשט, דווקא נישט אזוי... דיין קינד וועט אויך נישט וועלן טייטשן ווי דיר. ווייל דו גיבסט אים די חינוך.

מיר דארפן געדענקן, עס איז דא א כח הפועל בנפעל.

ווען מיר רעדן צו א קינד, און מיר זאגן, אז מען טאר נישט רעדן ליגנט, דארף עס זיין ודברת בם, אונז דארף מיר באמת מקבל זיין אויף זיך: איך גיי נישט גנב'ענען! איך גיי נישט זאגן ליגנט! נישט אין די ארבעט, און נישט אין די רעגירונג, און נישט אין קיין שום אופן שבעולם. ווייל אויב איך וויל מיין קינד זאל מקבל זיין פון מיר באמת, נישט צו זאגן ליגנט, דארף איך האלטן דערביי, און איך דארף שפירן בשעת איך בין מחנך מיין קינד, ווען איך רעדט צו אים פון ליגנט, אז איך מאך יעצט א קבלה טובה, און איך גיי הארעווען אויף די ענין פון ליגנט.

די זעלבע זאך ווען איך לערן אויס מיין קינד אז מען טאר נישט גנב'ענען, בין איך מקבל אויף מיר צו מקיים זיין די נישט גנב'ענען, משא ומתן באמונה, האבן ערליך געלט, מקיים זיין מצוות השבת אבידה, מקיים זיין ווען איך בארג עפעס צוריקצוגעבן, טראגן אן אחריות פון לא תגנוב, פון לא תגזול, פון אפהיטן יענעמס געלט זאל נישט געשעדיגט ווערן.

ווען א קינד זעט זיין טאטע מאמע, זיין מחנך און מחנכת, גייט אריבער אין א בנין, און טרעט ארויף אויף יענעמ'ס שאל, אויף יענעמ'ס מאנטל וואס ליגט אויף די ערד, און בייגט זיך נישט אראפ

עס אויפהייבן, און נאכדעם גייט די מחנך און מחנכת, די עלטערן, גיבן א שיעור אויף גניבה און גזילה -

דו האסט עס נישט פאר וועם צו פארקויפן, ווייל דו ביסט נכשל אין דעם, עס איז נישט ודברת בם, עס איז נישט דו רעדסט, דו זאגסט נאר איבער ווערטער, עס איז לבו בל עמו, דו דארפסט זיין דארט.

אונז דארף מיר מחנך זיין אונזערע קינדער, און זיך אליין מחנך זיין בשעת מעשה, דעמאלט וועלן מיר מצליח זיין אין חינוך.

ווען א קינד רעדט ווילד צו א טאטע, צו א מאמע, צו א מחנך און מחנכת, דארף מען טראכטן: וויאזוי האב איך גערעדט צו מיין חבר נעכטן? וויאזוי האב איך גערעדט צו די מנהל, מלמד, פון מיין יונגל? אדער איינער פון מיינע געשעפטלייט, ווען איך בין געווען זייער בייז, וועלכע שפראך האב איך געניצט? האב איך נישט געניצט בערך די זעלבע שפראך וואס מיין קינד האט יעצט געניצט, און איך גיי אים יעצט מחנך זיין מען טאר נישט אזוי רעדן? איין מינוט! דו האסט דאך אזוי גערעדט...

ניין, איך גיי יעצט טאקע מחנך זיין מיין קינד, אבער איך גיי ארבעטן אז עס זאל זיין 'איך'. איך גיי נישט כעס'ן און ווי טון און אריינשמייסן אין אריינזאגן און אריינפליקן אין אנדערע מענטשן, וועסטו זען, אז דעמאלסט וועט דיין חינוך זיין אן אינערליכע, א טיפע, און א נתקבל'דיגע, אן אנגענומענדיגע חינוך.

